


# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק


בס"ד

מכינה ב' הר"ר יואל כף הי"ו

# שאלות אויף פרשת מסעי

**א. וועלכע סדרה גייט די וואך ?** מסעי.

**ב. וואס איז טייטש מסעי ?** די ציהונגען.

**ג. וואס האט דער אייבישטער געייסן פאר משה זאל שרייבן ?** די אלע פלעצער וואו די אידן זענען געווען

**ד. אוואו האט משה רבינו דאס אויפגעשריבן ?** אין די הייליגע תורה.

**ה. פארוואס ?** מען זאל נישט פארגעסן פון די נסים וואס דער אייבישטער האט געטוהן פאר די אידן.

**ו. וואו זענען די אידן אנגעקומען ?** נעבן ארץ ישראל.

**ז. וואס האט דער אייבישטער געייסן פאר משה רבינו ?** מ'זאל צוברעכן און אוועק ווארפן די אלע געטשקעס פון די גוים.

**ח. פארוואס ?** ווייל ארץ ישראל האט דער אייבישטער געגעבן נאר פאר די אידן.

**ט. וואס זאגט מען די וואך ווען מען ענדיגט צו ליינען ?** חזק חזק ונתחזק.

**י. פארוואס ?** ווייל מ'ענדיגט חומש במדבר, און מ'הייבט אן חומש דברים.

בברכת א גוט שבת און פיל נחת פון די קינדער שיחיו

המלמד

**ניגון** : *ס'זאל שוין זיין די גאולה.... משיח זאל שוין קומען*

מיר האבן געלערנט די וואך די אותיות **ל מ ם** און מיר האבן גע'חזר'ט זאכן וואס הייבט זיך אן

מיט **ל'** - **ל**עקטער **ל**יכט **ל**ייכטער **ל**ייטער **ל**ויפן : מיט **מ** - **מ**צה **מ**זוזה **מ**עסער **מ**סעי



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

**מכינה ב׳** הר"ר יואל כף הי"ו

## די וואך פרשת מסעי האבן מיר פארציילט:
## אלה מסעי בני ישראל...

די אידן קומען שוין אן נעבן ארץ ישראל, דער אייבישטער האט געהייסן פאר משה רבינו ער זאל אויפשרייבן די אלע פלעצער וואו די אידן זענען געגאנגען אין מדבר פון ווען מ'איז ארויס פון ארץ מצרים פון דער שלעכטער פרעה וואס האט געמאכט צרות פאר די אידן נאכדעם וואס פרעה האט באקומען צען מכות, ביים ים סוף ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים זענען זיי אריין אין די ים און ס'איז זיי גארנישט געשעהן אבער פאר פרעה מיט די מצרים איז יא געשעהן, זיי האבן זיך דערטראנקען, נאכדעם איז געקומען עמלק מלחמה האלטן מיט די אידן און דער אייבישטער האט זיי געהאלפן, אויך די נסים פון די מן וואס איז אראפ געקומען יעדן טאג פון הימל (חוץ פון שבת, פרייטיג איז געקומען צוויי) און די וואלקנעס וואס האבן ארום גענומען די אידן און גראד געמאכט די בערג און צוגעדעקט אלע לעכער, און וואסער וואס איז געקומען פון די שטיין, די וואסער וואס איז קודם געווען ביטער און נאך וואס משה האט אריין געווארפן דארט א שטעקן איז עס געווארן זיס,און מדבר סיני האבן די אידן באקומען די הייליגע תורה אויפן בארג סיני און נאכדעם האט מען געמאכט די משכן,די מעשה פון מרים וואס האט באקומען קרעץ ווייל זי האט גערעדט לשון הרע אויף איר ברודער משה רבינו, און די מעשה פון די מרגלים וואס האבן געבערעקנט די פירות און גערעדט לשון הרע אויף די הייליגע לאנד ארץ ישראל, די וואסער האט אויפגערט צו קומען נאך וואס מרים איז נפטר געווארן און משה האט געשלאגן די שטיין,נאך ווען אהרן הכהן איז נפטר געווארן איז געקומען עוג מלך הבשן מלחמה האלטן מיט די אידן און ער האט אויפגעהויבן א בארג אויף זיין קאפ און דער אייבישטער האט געהאלפן פאר די אידן, אויך אז בלעם האט נישט געקענט שעלטן די אידן, די אלע זאכן האט משה רבינו געשריבן אין די הייליגע תורה, פארוואס? אז מ'זאל גדענקען אז דער אייבישטער וואס איז אונזער טאטע האט אונז אלעמאל ליב געהאט און געהאלפן און געמאכט גרויסע נסים.

## והורשתם את הארץ...

דער אייבישטער האט געזאגט פאר משה רבינו זאל זאגן פאר די אידן אז ווען זיי קומען אריין אין ארץ ישראל זאלן זיי פארטרייבן די אלע גוים פון ארץ ישראל, דער אייבישטער האט צוגעזאגט פאר אונזערע עלטערן אברהם און יצחק און יעקב אז ארץ ישראל איז נאר פאר די אידן און נישט פאר די גוים, אויך זאל מען צוברעכן די אלע געטשקעס (עבודה זרה) וואס די גוים דאווענען צו זיי ס'זאל נישט בלייבן גארנישט פון זיי אין די הייליגע לאנד.

## חזק חזק ונתחזק...

די וואך נאכ'ן ליינען שרייען אלע טאטעס און אינגלעך "חזק חזק ונתחזק", מ'ענדיגט שוין חומש במדבר, און מ'גייט שוין אי"ה אנהייבן חומש דברים.

**מיר האבן פארציילט די מעשה פון נחום איש גם זו**
**וואס האט אייביג געזאגט "גם זו לטובה"**